# תורת יואל

גליון מס' 17

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

פרשת ויחי תשפ"ה

## ויקרא יעקב אל בניו, ויאמר האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (מט, א)

דער רבי איז מדייק דעם פסוק **אשר יקרא אתכם**, יקרא איז א לשון פון א מקרה - ס'האט זיך געטראפן - מיר ווייסן דאך אז אלעס איז בהשגחה פרטית, א איד האט קיינמאל נישט קיין מקרה, דער רמב"ם פסק'נט (מו"נ ח"ג לו) אז עס איז א איסור צו תולה זיין גשעענישן אלס א מקרה, און טייטש אויס דעם פסוק אין פרשת בחוקותי (כו, כד) ואם תלכו עמי בקרי אז דער חטא איז געווען אז מען האט אלעס תולה געווען אין א מקרה, מען האט נישט באמת געגלייבט אז אלעס איז פון השי"ת, און וועגן דעם קומען די עונשים וואס שטייט אין די פסוקים פון די תוכחה.

אויב אזוי - פרעגט דער רבי - פארוואס נוצט דער פסוק די ווארט יקרא, לכאורה איז מער פאסיג עס זאל שטיין אשר ימצא באחרית הימים.

דער רבי איז מקדים א מדרש במצות שילוח הקן, אויפן פסוק **שלח תשלח את האם**, זאגט די מדרש: אם קיימת מצוה זו אַתּ ממהר לבא מלך המשיח שכתוב בו שילוח, טייטש: אויב ביסטו מקיים די מצוה פון שילוח הקן, טוסטו אויך צואיילן ביאת המשיח, וואס איז לכאורה אומפארשטעדליך די שייכות פון די צווי ענינים.

איז דער רבי מסביר די שייכות, די מצוה פון שליח הקן ווייסן מיר, מוז זיין בדרך מקרה, ווי עס שטייט **כי יקרא קן ציפור לפניך בדרך** דרשן'נט די גמרא: פרט למזומן, טייטש: עס טאר נישט זיין אנגעגרייט, דער נעסט דארף מען טרעפן, אויב איז עס פארגעברייט, איז עס נישט קיין שום מצוה, אנדערש ווי אלע אנדערע מצות, וואס איז א ענין צו מאכן א הכנה, אדרבה עס איז א מצוה זיך צוברענגען לידי חיוב המצוה, ווי אונז זעהן מיר במצות ציצית, עס איז דא אן עקסטרע חיוב אנצוטוהן א ארבע כנפות קלייד, כדי מחיוב צו ווערן מיט ציצית, משא"כ שילוח הקן מוז זיין בהיסח הדעת, אויב איז די נעסט צוגעגרייט איז די מצוה בטל.

די זעלבע וועט זיין בביאת המשיח, וואס מען טאר נישט טוהן קיין שום פעולה צו נעמען די גאולה פאר די צייט, און די רשעים וואס נעמען די פרייהייט דורך א מדינה און מיליטער, די פעולות זענען מעכב די גאולה און פארלענגערט דעם גלות רח"ל, משיח צדקינו וועט קומען נאר בהיסח הדעת, אן קיין שום הכנה בידי אדם, נאר דורך תפילה ותחנונים.

איז זייער פארשטענדליך פארוואס דער מדרש שטעלט צוזאם די צווי ענינים, ווייל די מצוה פון שילוח הקן און ביאת המשיח, זענען גלייך אזביידע מוזן קומען במקרה.

און דאס איז די צוואה וואס יעקב אבינו האט געזאגט לפני מותו, **האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם**, אז די גאולה שלימה **באחרית הימים** מוז קומען בדרך מקרה, אן קיין שום פעולה במעשי ידי אדם, איז שוין זייער פארשטעדליך פארוואס דער פסוק נוצט דעם ווארט יקרא, ווייל דאס אליינס איז געווען יעקב אבינו'ס ציווי צו זיינע קינדער און באפעל פאר כלל ישראל.

## אנכי אכלכל אתכם

מיין חשוב'ער שווער האט איבערגעזאגט א ווארט פון רבי'ן געהערט בתוך הדברים אין א דרשה לטובת המוסדות - דינער תשכ"ח, דער רבי האט זיך אזוי געוואונדערט, ער נעמט עס אויף זעך? **אנכי** - ער גיט? השי"ת גיט!! אויך איז שווער, די שבטים האבן זיך געזארגט אויף גשמיות? פון וואו וועלן מיר האבן צו עסן? נאר וואס דען, די שבטים האבן נישט געוואלט נהנה זיין פון ערות הארץ, פון פרעה און זיינע טמא'נע געלטער, האט יוסף זיי מבטיח געווען **אנכי אכלכל אתכם**, די החזקה וועט קומען נאר מצד הקדושה.

(מאת הרה"ח חיים יושע געלבשטיין הי"ו)

## מעשה: רועה א'בן ישראל - מיין ישיבה

ביים רבי'ן זי"ע איז די ישיבה געווען זייער הייליג, דער רבי האט פארגעלערנט, פארהערט די בחורים, און געהאלטן א עינה פקיחה אויף די גאנצע ווירטשאפט, און שטענדיג געוואלט זיין מיט די בחורים.

ווי רבינו שליט"א האט פארציילט, אין אלטען בית המדרש - 550 בעדפארד עוו, איז געווארן ענג דאס פלאץ, ריבוי העם קע"ה, אין די גבאים האבן געזוכט עצות ווי אזוי צו פארלייכטערן דעם מצב, איינע פון די פארשלאגן צום רבי'ן איז געווען אז די בחורים זאלן דאווענען אויף א צווייטן ארט, דער רבי זאגט ס'איז א פיינע פארשלאג, זאגטס מיר ווי דער צווייטער ארט איז ווייל איך וויל אויך אהינגיין דאווענען, אזוי ווייט האט דער רבי מחבב געווען צו זיין מיט די בחורים.

הגה"ק מהר"א פריינד - ירושלימער רב זי"ע, האט נאכגעזאגט פון רביה"ק, ס'איז דא צוויי סארט בחורים, געוויסע בחורים לערנען נאר צו פארהערע, א גאנצע וואך בטל'ן זיי די צייט און פארלאזן זיך אויף זייער גוטן קאפ, די ווערן מרומז אין פסוק **ויהי עשיו יודע ציד**, זיי פאפן ארום א גאנצע וואך, במילא איז **איש שדה** האבן צייט צו דרייען אין די גאסן, אבער די וואילע בחורים וואס לערנען פלייסיג מיט א תמימות זענען מרומז אין פסוק **ויעקב איש תם**, זיי זענען זיך מייגע אין תורה במילא איז **יושב אוהלים**, זיצן נאר אין ביהמ"ד, נישטא קיין צייט צו פארברענגען.

הרה"ח ר' חיים העללער הי"ו, פארציילט, בדידי הוי עובדא, איינמאל בשעת אפנעמען מזל טוב פון רביה"ק בעת שמחה (געהאט די פערדע מיידל) אינמיטן קומט אריין די רעבעצין און רופט זיך אן פארן רביה"ק, דער רב זאל אנוואונטשן א בן זכר פאר דעם אינגערמאן, דער רבי קוקט אריין אין קוויטל, טוט זיך אויס די גלעזער און זאגט קינדער האט מען ווי גראטן איידעמער וועלט מען זיך, די וועסט האבן וואולע איידעמער **אלע פון מיין ישיבה**, די רעבעצין לאזט נישט נאך און זאגט: ער וויל דאך האבן א בן זכר אויך, דער רבי האט צוריק אנגעטוהן די גלעזער און נאכאמאל געלייענט דער קוויטל און אוגעוואונטשען א בן זכר, ר' חיים האט געהאט נאך דריי מיידלעך, און הערשט נאך די פטירה פון רביה"ק האט ער געהאט א אינגעל, און א נאמען געגעבן נאכן רבי'ן.

**מנהג טעמו ומקורו**

## מנהג:

**מקום חגירת האבנט, בשעת גלילה - ווי לייגט מען דעם גארטעל?**

דער מנהג איז בשליש העליון, די אויבערשטע דריטל פון ספר תורה, אזוי ווי ביי קביעת המזוזה, אזוי ווי עס האט עדות געזאגט דער דרכי תשובה בשם הדברי חיים. אין ספר אוצר החיים ווערט געברענגט א טעם נכון, די שייכות צו מזוזה, די גמרא אין מנחות איז מדמה תפילין צו מזוזה, פון די פסוקים וקשרתם ...וכתבתם, די זעלבע ביי א ס"ת איז אויך דא קשירה וכתיבה. אין ספר שערי חיים בשם הדברי יחזקאל, אז די ריכטיגע פלאץ איז מחציו ולמעלה, א דוגמה צום אבנטו של כהן גדול, וואס איז געווען אנגעטוהן למעלה מאצילי ידיו. מנהג חב"ד איז דוקא בשליש התחתון

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com